

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

חג השבועות
תשפ"א לפ"ק
גליון קס"ט

## פראגע

### וואס דארף זיין די וויכטיגסטע כונה אום יו"ט שבועות?

## ענטפער:

ערשטנס וואס איז אין די סידור: **"זמן מתן תורתינו"**. די אנשי כנסת הגדולה האבן דאס אריינגעלייגט, במילא איז דאס די וויכטיגסטע. טראכט וועגן די אויסטערלישע גליק, דער געוואלדיגער כבוד, אז דער אויבערשטער האט פאר אונז געגעבן די תורה. די תורה מיינט פאר אונז אסאך זאכן. נישט נאר איז די תורה פאר אונז א וועג פון לעבן, ס'איז חיי עולם, עולם הבא, נישט נאר דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום, נאר די תורה מיינט אז מיר זענען אויסדערוועלט געווארן דורך השי"ת, "אשר בחר **בנו** מכל העמים." די פריוויליגיע אז דער אויבערשטער האט אונז אויסדערוועלט און געזאגט "בנים אתם לד' אלקיכם" – איר זענט מיינע קינדער.

דער אויבערשטער האט געזאגט: "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים" – איר וועט זיין צו מיר א קעניגרייך פון כהנים, דאס איז אייער עבודה, מיך צו דינען. דערמיט זענען מיר געווארן אן אנדערע סארט פאלק, מיר זענען געווארן א פאלק וואס איז **מוקדש** צו דינען השי"ת. דאס איז וואס מתן תורה מיינט.

עס זענען דא אזויפיל זאכן פון וואס צו רעדן אום שבועות, אז יעדע פון זיי פארלאנגט אסאך צייט, אבער יעצט וועלן מיר זיך קאנצענטרירן בלויז אויף די איין זאך, "זמן מתן תורתינו", און מיר קענען קיינמאל נישט גענוג דאנקען דעם אויבערשטן פאר אט די גרויסע מתנה.

איר ווייסט, די גמרא זאגט אין מס' נדרים, אז איינס פון די סיבות פאר'ן חורבן בית המקדש איז געווען "שלא ברכו בתורה תחילה" – זיי האבן נישט געמאכט ברכת התורה. דער ר"ן פרעגט דארט א קשיא, אויב האבן זיי אלעס געהאלטן, פארוואס קומט זיך אזא גרויסע עונש בלויז פאר די איין זאך? און צווייטנס, פארוואס האבן זיי טאקע נישט געזאגט קיין ברכת התורה? זענען זיי געווען אזוי פויל עס צו זאגן?

און דער ר"ן ברענגט פונעם רבינו יונה ווי פאלגענד: זיי האבן באמת יא געמאכט א ברכה אויף די תורה, אבער "שלא היתה התורה מתנה חשובה בעיניהם". יא, זיי האבן געלערנט תורה, אבער די קריטיק אויף זיי איז געווען אז זיי האבן נישט אריינגעטראכט ווי **גליקליך** זיי זענען אז זיי האבן די תורה. א מתנה חשובה, עס איז נישטא קיין מתנה אויף דער וועלט וואס איז אזוי גרויס ווי די מתנה פון די תורה.

אז דער אויבערשטער האט אונז אויסגעוועלט, אשר בחר בנו, ונתן לנו, דארפן מיר זיין אזוי איבערגענומען פון די תורה, אז ווען מיר מאכן די ברכה זאלן מיר פאקטיש שפירן אן אויסטערלישע הכרת הטוב צום אויבערשטן פאר אט די גרויסע מתנה, אזוי ווי מיר דאנקען פאר די בעסטע זאך וואס האט נאר געקענט געשען צו אונז.

וועגן דעם, ווען זיי האבן געזאגט די ברכה אן דעם געפיל, אפילו זיי האבן געהאלטן די תורה, איז עס געווען ווי גלייך זיי טוען א טובה פאר'ן אויבערשטן. מיר האלטן די תורה, באשעפער, ווייל דו האסט אונז געהייסן. אבער זיי האבן עס נישט גענוג געשעצט.

יעצט, איך בין זיכער אז זיי האבן עס געשעצט אסאך מער ווי מיר שעצן עס, אבער עס איז נישט געווען **גענוג**. במילא דארפן מיר פארשטיין אז אונזער עבודה שבועות איז צו ארבעטן צו שפירן די גליק – צו טראכטן וויפיל מיר קענען נאר, ווי גליקליך מיר זענען, ווי רייך מיר זענען, ווי גרויס מיר זענען, אז דער אויבערשטער האט אונז אויסגעוועלט און אונז געגעבן די געוואלדיגע מתנה.

פראגע

## פארוואס מוזן אלע חרד'ישע אידן גיין אנגעטון אין שווארץ, ווי גלייך צו טרויערן?

## ענטפער:

דער ענטפער איז אז שווארץ איז בכלל נישט קיין צייכן פון טרויער, שווארץ איז א סימן פון **מלכות**. צי ווייסט איר נישט אז אסאך סענאטארן טראגן שווארצע האמבורג היטן? עכ"פ זיי פלעגן אמאל אזוי גיין. סענאטארן פלעגן גיין מיט שווארצע האמבורג היטן. עס ווייזט אויף **ווירטשאפט**. און דעריבער, ווען אידן טראגן שווארצע היטן איז עס א צייכן אז זיי זענען **ממלכת כהנים**, א פאלק פון וויכטיגע מענטשן, חשוב'ע מענטשן.

דאס מיינט נישט אז טאמער איר גייט מיט א ווייסע שטרוי היטל זענט איר ערלויבט צו זיין אומ'חשוב. פון דעסט וועגן, ווען מענטשן וועלן אויס צו טראגן חשוב'ע קליידער, האט עס זייער א גרויסע השפעה אויף זיי; א כסדר'דיגע השפעה אויף זייער כאראקטער.

דא איז דא א ליידיגייער וואס איז געווארן אריינגענומען אין די פאליציי דעפארטמענט. יעצט שטייט ער אויפ'ן גאס און ער איז אנטשלאסן צו אינפארסירן דעם געזעץ. ער דרייט זיין שטעקן, און קוקט זיך ארום פאר פארברעכער. וואס האט געמאכט דעם טויש? די יוניפארם; בגדים מאכן דעם מענטש.

במילא, ווען מען קליידט זיך אן מיט חשיבות, ווערט מען חשוב. וועגן דעם איז אייביג וויכטיג פאר מענער און פרויען צו געדענקען צו גיין אנגעטון מיט חשיבות. מיר דארפן לערנען ווי וויכטיג דאס איז. דאס איז וואס דער אויבערשטער וויל פון אונז אלעמאל. און דאס גייט טויש'ן די אינערליכע אויפפירונג; די מחשבה ווערט נאכגעצויגן צום דרויסנדיגן לבוש.

פראגע

## פארוואס זאל א נישט-רעליגיעזער איד ווערן א שומר תורה ומצוות, אָן אריינקוקן אויך אין אנדערע רעליגיעס?

## ענטפער:

ערשטנס כל זאל ער אריינקוקן אין זיין אייגענע רעליגיע. דאס איז פשוט שכל, ווייל ער האט א געוויסע חיוב פון לאיאליטעט; דו דארפסט זיין לאיאל צו דיין אייגן פאלק.

איך זאג אז א קאטאליק זאל פרובירן קודם צו זען אויב קאטאליסיזם איז ריכטיג, ער זאל פרובירן די בעסטע וואס ער קען. אודאי, נאכן עס דורכטון און זען אז עס זענען דא לעכער זאל ער קוקן ווייטער.

די זעלבע האט נישט א איד קיין רעכט אויסצופארשן בודאהיזם אדער סיי-וועלכע אנדערע רעליגיע, חוץ טאמער ער באקענט זיך גענצליך, און ער היט פולקאם זיין אייגענע גלויבן.

יעצט, דאס טוט מען נישט דורכ'ן היטן די תורה אויבערפלעכליך. אויב איר גייט אריין אין א מאדערן-ארטאדאקסישע סינאגאגע און איר קוקט זיך ארום, דאס הייסט נישט געלערנט אידישקייט; דאס איז געלערנט אמעריקע. איר דארפט עס לערנען ערשטהאנטיג פון גוטע רבי'ס וועלכע ווייסן וואס דאס איז. און עס איז נישט קיין ספק אז נאכדעם וואס א נישט-רעליגיעזער איד ווערט באקאנט מיט זיין אייגענע גלויבן, וועט ער שוין ניטאמאל טראכטן פון גיין ערגעץ אנדערש. איינמאל איר קענט די אידישע אמונה זעט איר תיכף די פאלשקייטן און לעכער פון די אנדערע רעליגיעס.

איינמאל א איד לערנט תורה, ער פארשטייט וואס עס ווערט כסדר איבערגעחזר'ט אין די תורה, אז די תורה איז געגעבן געווארן אויף לעולמי עד. דאס איז וואס עס שטייט אין די לעצטע פון די נביאים. מלאכי זאגט "זכרו תורת משה עבדי, אשר צויתי אותו בחורב חוקים ומשפטים" – געדענק די תורה פון מיין קנעכט משה וואס איך האב אים באפוילן אויפ'ן בארג סיני, די געזעצן און דינים. "הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא" – איך גיי אייך שיקן אליהו הנביא, "לפני בוא יום ה' הגדול והנורא" – איידער עס וועט קומען דער גרויסער און פארכטיגער טאג (מלאכי, ג' כ"ב-כ"ג).

איז וואס זעען מיר פון דעם? אויב איר לערנט די תורה וועט איר זען אז די תורה פון משה פון הר סיני דארף אפגעהיטן ווערן ביז די ענדע פון טעג. איינמאל איר לערנט דאס, זעט איר ווי לעכערליך די טענות פון אנדערע רעליגיעס זענען, צי מוכאמעד צי פאול און די אנדערע. זייער טענה אז דער אויבערשטער האט ח"ו אויפגעלעזט די תורה צו מאכן פלאץ פאר יענע נייע רעליגיעס זענען באזיסלאז. די תורה זאגט איינמאל און נאכאמאל **"לדורותם ברית עולם"** – עס איז פאר אלע דורות, אן אייביגע בונד.

אלזא, ווען מען לערנט די תורה ווערט זייער אסאך זאכן קלאר און איר וועט אויטאמאטיש האבן גענוג מאטריאל אפצושלאגן די טענות פון אלע אנדערע רעליגיעס.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










$1 א וואך
מועדים $3

**בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק**

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק








צו באשטעלן רופט:

מערכת להתענג 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב